# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון **יהדות**, **השקפה**, **עצות**, **און נאך**, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פרשת נשא
תשע"ח לפ"ק
גליון י"ט

## שאלה

**דער רב זאגט אונז אייביג אז מיר דארפן אלץ צוהערן צו די גדולים וועלכע האבן א דעת תורה פון לערנען, אויב אזוי, וואס האבן מיר פון אליינס לערנען גמרא און ווערן למדנים?**

## ענטפער:

הערט מיר גוט אויס. כדי צו פארשטיין וואס דיין דאקטאר רעדט, מוזטו האבן א מינימאלע שטאפל פון עדיוקעישאן. דו דארפסט נישט זיין קיין גרויסער געלערנטער, אבער דו מוזט כאטש קענען ענגליש. אויב דיין דאקטאר רעדט אפילו א דורכשניטליכע שטאפל פון קולטורעלע ענגליש, דארפסטו קענען פארשטיין וואס ער זאגט.

און די זעלבע ווען די גדולים רעדן צו אונז, דארפן מיר זיין אויסגעשטעלט צו פארשטיין, צו קענען אריינעמען וואס זיי זאגן אונז. און אויב מיר קענען נישט גוט לערנען, ווערט עס באדייטנסלאז, ווייל מיר רעדן א צווייטע שפראך. דער עם הארץ רעדט נישט דעם זעלבן שפראך ווי אן אדם גדול. און דאס איז גאר א וויכטיגער יסוד.

אויב האסטו קיינמאל נישט געלערנט מסכת גיטין, האסטו נישט קיין אנונג איבער די וויכטיגע באדייט פון א "גט". איז ווען סטו זאגן אז דו ווייסט יא, ס'איז דא א ציווילע "דיווארס" און א אידישע "דיווארס". ניין, עס מיינט גארנישט. פאר דיר, א אידישע גט איז בלויז נאך א זאך, נאך א צערעמאניע. אויב דו לערנסט אבער מסכת גיטין פארשטייסטו אז א לעגאלע "דיווארס" איז גארנישט ווערד, און אן א הלכה'דיגע "גט" איז זי אן אשת איש. זי איז פונקט אזוי חתונה געהאט, ווי ווען זי איז געשטאנען אונטער די חופה. אפילו זי האט נישט געזעהן איר מאן פאר פערציג יאר איז זי נאך אלץ אן אשת איש, און אויב האט זי חתונה מיט א צווייטן איז עס אן עונש מיתה.

די אלע זאכן איז פאר אן עם הארץ זייער פארנעפלט. ער קען עס אביסל פארשטיין, אבער אויב האט ער נישט געלערנט, איז עס זייער בלאס ביי אים. אבער ווען דו לערנסט מסכת גיטין קלאפט עס דיר אין די אויגן.

אויב האסטו נישט געלערנט מסכת יבמות, דאן איז חליצה בלויז א צערעמאניע. עס איז אזוי ווי זאגן אב הרחמים שבת בייטאג – וואס אסאך מאל לאזטו עס אויס. אויב האסטו נישט געלערנט מסכת יבמות איז עס זייער בלאס. עס איז דא אסאך מענטשן וואס האבן נישט געלערנט און עס איז זייער ווייט פון זיי. איך געדענק אין מיין אלטן שול, איז געווען א פרוי וועמענ'ס מאן איז נפטר געווארן. די פרוי איז געווען אקטיוו אין די לעדידס אקזולערי, און זי האט חתונה געהאט צו איר מאנ'ס ברודער. זי האט געהאט קינדער פון איר ערשטע מאן און זי האט חתונה געהאט מיט איר מאנ'ס ברודער! און – גארנישט, גארנישט. יעצט אין א געהעריגע קהלה וואלט מען איר גענומען און ארויסגעווארפן אין די גאס. מען טאר נישט חתונה האבן מיט א פארשטארבענעם מאנ'ס ברודער. אויב האסטו קינדער פון דיין ערשטע מאן איז עס אזוי ווי חתונה האבן מיט דיין אייגענעם ברודער. כרת! אבער גיי זאג עס פאר די עמעראצים – זיי קענען עס אפשר הערן איבערפלעכליך – יא – אבער זי איז נאך אלץ אין די פרויען פאראיין.

דאס מיינט אז זיי זענען בהמות. זיי רעדן נישט די שפראך פון די תורה. דו דארפסט לערנען – אז נישט איז די שפראך פון די דעת תורה באדייטנסלאז צו דיר. דו מוזט לערנען. און דו מוזט לערנען גמרא. נישט אזוי ווי א מענטש האט מיר

אמאל געזאגט, "איך בין נישט קיין גמרא חסיד". גמרא חסיד?! וואס?! אזוי ווי דו ביזט נישט קיין זאמלער פון אלטע מטבעות, אדער דו ביזט נישט קיין זאמלער פון סטעמפס, און דו לערנסט אויך נישט גמרא?! גמרא איז נישט קיין 'האבי'. גמרא איז אונזער לעבן. גמרא איז אונזער לופט צום אטעמען. אז דו לערנסט נישט גמרא ווייסטו וואס דו ביזט? ביזט אן אקס! דו ביזט ממש א בהמה. דאס ביזטו אן גמרא. און זאג מיר נישט וועגן אנדערע זאכן וואס דו לערנסט, מאראלישע לערנונגען, ספרים. אויב לערנסטו נישט גמרא, דאן ווערסטו און דיין משפחה אנגערופן בהמות. און סיי-ווער עס האט חתונה מיט דיין טאכטער שטייט וועגן אים אין די גמרא "ארור שוכב עם בהמה" – אויב דו האסט חתונה מיט א טאכטער פון אן עם הארץ, וואינסטו מיט א בהמה. זייער ווייבער און טעכטער ווערן באטראכט ווי די ווייבער און טעכטער פון בהמות. עס איז וויכטיג דאס צו וויסן. אידן האבן דאס אייביג געוואוסט. דו מוזט אטעמען גמרא. דאס איז דיין לעבן!

אויב אזוי, וויאזוי קען א גדול רעדן צו דיר אויב ביזטו נאך אין שטאל. דו עסט שטרוי און דו ברומסט. א גדול וועט האקן אויפ'ן שטאל-טיר און זאגן, "הערטסט דאס אויס?" איז דו ברומסט, און ער רעדט. גאנץ אנדערע שפראכן... איך האב ערפארונג אין דעם. איך האב שוין גערעדט צו אסאך מענטשן, און זיי הייבן נישט אן צו פארשטיין וואס איך רעדט. נאר ווען דו ביזט א למדן, כאטשיג אין גמרא, דאן ביזטו אומשטאנד צו קאמיוניקירן מיט די גדולים און אנערקענען און פארשטיין וואס זיי זאגן.

## שאלה

### איבער וואס זאל א מענטש טראכטן אין זיין געבורטסטאג?

## ענטפער:

אההה! עס איז דא אזויפיל וואס ער קען טראכטן! די ערשטע זאכן איז צו אראפנעמען צייט צו זיין דאנקבאר אז דו לעבסט נאך. עס איז א תענוג צו לעבן. איך קוק צוריק אויף מיין אייגענע היסטאריע און איך זעה אסאך מענטשן וועם כ'האב געקענט, און זענען שוין נישט דא. מענטשן וועלכע זענען ל"ע אוועק יונגערהייט. נעבעך, נעבעך, נעבעך. מיינס א חבר, פון פערצן יאר אלט, איז ליידער אוועק. ביי די פערצן יאר איז ער שוין געווען דערנאך. אן אנדערער חבר – ווען ער איז געווען אביסל עלטער. דעריבער דארפסטו דאנקען השי"ת ביי יעדן געבורטסטאג פאר די וואונדערפולע מתנה פון נאך א יאר. יעצט, מאך נישט קיין פארטי. ניין, ניין. מאך דיר נישט קיין פארטי. אבער טראכט וועגן די מתנה אין דיין געבורטסטאג.

און די צווייטע זאך וואס צו טראכטן איז, אז דו מוזט אנערקענען אז א געבורטסטאג מיינט אז דו ביזט א בעל חוב צו הקב"ה. ווי עלטער דו ווערסט, איז גרעסער דיין חוב צו דינען הקב"ה און אים צו דאנקען. איז אויב האט דיר דער באשעפער געשאנקען נאך א יאר, זאלסטו בעסער ווערן פארנומען אויפצוטון. ווייל דאס לעבן לויפט אריבער. די עשירות פון לעבן איז ווען דו ביזט יונג. ווי עלטער דו ווערסט, ביזטו ארימער, ווייל דו האסט "ווייניגער צייט" אויפצוטון. עס איז דא אזוי פיל וואס דו דארפסט אויפטון אין לעבן. אזויפיל ווערדפולע זאכן צו טון; עס איז דא אזויפיל זאכן אויפצוטון און דאס צייט לויפט אויס. נאך א יאר איז זיך נארוואס פארלאפן!

אויב דו וואלסט געלערנט איין שטיקל "קצות החושן" יעדע וואך, אזוי ווי די יארן גיין פאריבער וואלסטו געווארן א בקי אין קצות החושן. צו ווייסטו וואספארא שמחה דאס איז?! איך גאראנטיר דיר אז עס איז א גליקליכקייט. אן עכטע שמחה! אבער דו דארפסט אמאל אנהייבן.

און דערפאר, ווען די יארן גייען פאריבער, זאלסטו ווערן מער און מער באזארגט וועגן אויפטון עפעס. איך ווייס אז דו גלייבסט מעגליך נישט אזוי, אבער דו גייסט נישט לעבן אויף אייביג. עס איז דא אלע סארטן פון עררייכונגען צו וואס דו זאלסט שטרעבן. אלע סארט דערגרייכונגען! און 'לעבן' איז א גליקליכקייט טאקע צוליב דעם ווייל עס איז א געלעגנהייט צו דערגרייכן די שלימות אין עבודת השם. און דאס איז די איינציגסטע געלעגנהייט וואס דו גייסט האבן!

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו torasavigdor@gmail.com, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com